STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01870

SHABES UN VOKH

Mordecai Rothenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי ראָטענבערג

שבּת און וואָך

לידער

אַרויסגעגעבן פון
מרדכי ראָטענבערג בוך-קאָמיטעט
מיט דער מיטהילף פון „דוד איגנאַטאָוו-פאָנד“
ניו־יאָרק, 1951

SHABES UN WOCH *(Poems)*

By: MORDECAI ROTHENBERG

Copyright, 1951
By MORDECAI ROTHENBERG
New York, N. Y.
N. Y.

Printed in U.S.A.

166

„שבת און וואָך" — לידער, אַרויסגעגעבן פון
דעם מרדכי ראָטענבערג בוך־קאָמיטעט — גע־
דרוקט אין יאָר 1951, ניו־יאָרק, תש"יא —

די קדושים פון ראָוונע און ראַדעוויל,
און פון די האַרציקע וואָלינער שטעטלעך,
ווידמע איך דעם דאָזיקן בוך.

על נהרת פוילן

ארום זיך

יאפאנישע מאָטיוון

שבת און וואָך

על נהרת פוילן

אין אוקראינע

אין אוקראינע שמעקט שוין בעז,
און אויף משהלעס געביין
פיטערט זיך אַ שעפּס.
מאָרגן וועט אַ פּויער
עסן ברוסט מיט כריין,
נאָכן עסן וועט ער טאָן אַ גרעפּץ
און זינגען צו אַ שיקסע:
„דיעווקאַ וואָליעס״. *)
און וואָס וועלן מיינע פּאָעטן זאָגן?
מיט טויט און ברויט און נויט
לידלען מיינע קלאָגן.
און מיט די אַלטע גרייזן
„אויב הימל האָט אַ גאָט
זאָל ער זיך באַווייזן.״
און רופן ג־ט לדין
צו אַלע גראָזן
און ביימער.
נאָר אויף דער וואַנט
פון ניעמיראָווער קלויז
שטייט געשריבן לאמר:
האזינו, פאַרנעמט,
איר גראָזן,
שטערן און ביימער.
ביי ג־ט איז אַ נאַכט פאַראַנען —
איז שחיטה־שטאָט
דאָרט אַ גן עדן,
און ניעמיראָוו — אַ ווינקעלע
פון נחת און פון פריידן.

---

*) „דיעווקאַ וואָליעס״ — אַ אוקראַיניש פאָלקס-ליד.

דעם כוס פון גאַל
האָב איך זיי טרינקען געגעבן,
טרינקען זיי ערשט פאַרן בעל.
נאָר ווערט אַ הימל דען
פאַר יינגלעך נתפעל ?
חי די, זאָגט ג־ט —
מלך פון ישראל
און איך טו שטיין
אין יאָמער טאַל אַליין,
די שטערן מיינע עדות,
און כ׳רעד צו ג־ט
מיטן לשון פון די זיידעס:
דו ביסט צדק,
דער משפט אַ גערעכטער,
איך בין נעבעך דער שלעכטער.
און אַז ס׳טוט אָונט
מיין שטאָט
אין זיסן שלאָף פאַרוויגן,
דאַוון איך צו דיר, — ג־ט, —
מיטן הייליקן וועלעדניקערס ניגון.
זיץ איך מיר
אויף אַ שטיין
און וויין און וויין און וויין:
אַלע מיידלעך האָבן חתונה
און רחלע אַלץ אַליין...

על נהרות פוילן

ה. לייוויק

.1

על נהרות פוילן
זיינען מיר געזעסן,
מיט אַש אונדזער ברויט געגעסן,
על נהרות פוילן.

.2

ס׳האָט אַ בוים אַ ייד
אַן אויפגעהאַנגענעם געטוליעט
צו זיך ווי אַ האַרפע.
אויף אַ באָרד און פאות,
האָט ווינט אַ סומנע ליד
אויפגעשפּילט:
על נהרות פוילן.

.3

פרייטיקס צונאַכטס:
נאָר וואו דער בעכער?
דער וויין?
נאָר זע:
ס׳גייט דער ווייסל אויף
אַלץ העכער, העכער,
ט׳מען אויף טייך קידוש געמאַכט
אויף אַ פולן בעכער.
לויפן שטערן אויף חידוש

הערן דעם קידוש:
על נהרות פוילן.

.4

פרייטיקס צונאַכטס:
נאָר וואו די לייכטער? די ליכט?
נאָר זע: אויפן בוים האָט די טאָכטער
איר טאַטן דערקענט
דאָס ווייסע געזיכט
מיט די הענט
פאַרשטעלט,
געמורמלט.
האָט אַ גוטער מלאך פאַרשריבן:
על נהרות פוילן
בענטשט מען ליכט.

דער מאמעס געבורטסטאָג

געדענקסטו, מאַמע, דעם אָוונט
ווען כ'בין צו דיר פאַרווײַנט געקומען?
צופוסנס פון באַרג ליגט דער קוואַל און דאַוונט,
און אין זײַן אָפענעם האַרצן
שווימען שטערן.
שעפּ איך אָן אַ קרוגל
און טראַכט:
דער ברודער ברענגט איר שאָקאָלאַד —
וועל איך איר שטערן ברענגען
און אין פינצטערן וואַלד
איז מיר אַ דעמב דעם וועג פאַרלאָפן:
דער קרוג — צעבראָכן,
די שטערן — זיך צעלאָפן.
שטיי איך און פרעג דעם אַלטן וואַלד,
די אײַנגעדרימלטע בלומען:
ווי וועל איך צו דער מאַמען קומען?

אז מיר זיינען צוזאמען

און אַז מיר זיינען צוזאַמען
קומט צו אונז דער טרויער
דער פריינד פון אונזער מאַמען
ער קוקט אונז אין די אויגן
און הייסט אונז: זויגן.

א הונט

.1

א שוואַרצער הונט אַ קודלעוואַטער —
אַמאָל איז ער געווען אַ יאַט.
שוואַרצע לאָקן און אַ גריווע,
פייערלעך צוויי די אויגן,
די פיס — פייל פון בויגן.
אַ, פעטע ביינער — יענע יאָרן,
ווייסע מעסערלעך — די ציינער,
אַ עק — אויף אַלע הינט געזאָגט געוואָרן...

.2

פלעגט דער פעלדשער פון שטעטל,
אין גאַליפּע הויזן מיט ווייסע זאָקן
און אין אַמעריקאַנער ברילן,
מיט די שיינע לאָקן זיך שפּילן.
און די גריווע גלעטן
פלעגט דעם פעלדשערס טאָכטער
ריווע,
אַמאָל בלומען אַ בוקעט,
אַמאָל אַ שאָקאָלאַד
פלעגט ער פון גאַס איר ברענגען
און אין די אויגן
אַ הינטישער בעט —
טו, באַלעבאָסטע, אַ גלעט.

.3

אַמאָל, ביינאַכט, צאַפּן, אָדער
צום ראש הקהל, אָדער

צו אַ געבריכטן זקן,
פלעגט ער מיטן פעלדשער גיין
און אַ רפואה ווינטשן
מיט דער גריווע, מיט די לאָקן.

.4

איז ריווע
קיין ארץ ישראל געפאָרן,
דער פעלדשער — אונז אַלע צו לאַנגע יאָרן
די גריווע — איז אויסגעקראָכן,
די לאָקן —
ט׳אויסגעריסן דער ווינט
און פון די אַלטע אויגן
רינט און רינט...

וואו איז א צדיק

וואו איז אַ צדיק אַ בעל שם
וואָס קען אַ דבוק היילן?
כאָטש אַ שפּרעכערין אַ פרומע.
כ'וועל איר אַלץ דערציילן.
נישט פון אַ קראַנקער ליבע
איז דאָס מיר געקומען
און נישט ווי ביי אונזערע הייליקע נביאים
האָט ג־טס וואָרט געברענט מיין גומען.
מ'האָט מיר מיט אַ ציגעלע פאַרוויגט,
מיט ראָזשינקעס, מיט מאַנדלען
מיט אַ ניגונדל פון אַ יידן
וואָס איז געלאָפן האַנדלען
איצט איז דאָס ציגעלע געשטאָרבן
דאָס וויגעלע געבליבן פאַרדאָרבן
געבליבן איז מיר בלויז דער ניגון.

אין גאָרטן

מיין קוזינ'ס
קליינער טעכטערל
געווידמעט

אין גאָרטן, לפשה'לע
וועל איך דיך טרעפן,
וועסטו מסתמא
וואַסער שעפּן
פאַר די יונגע קנאָספּן,
און ווי אַ מאַמע
זיי דערלאַנגען,
און הערנדיק מיינע טריט
וועסטו אויסזינגען
דאָס אַלטע ליד
וועגן וויינגאָרטן מיטן מלך,
רויטע רעטעכלעך
וועסטו מיר געבן
און פון דיינע בלומען
ט'רינען נאָך דער טוי.
נאָר ניט נאָך רעטעכלעך,
ניט נאָך בלומען
וועל איך צו דיר קומען.
און פאַרשעמט אַזוי
וועל איך האַלטן
דיינע שוואַרצע צעפּלעך
ווי צוויי צעפּלאָכטענע הבדלות,
און בעטן:
זע, לפשה'לע„ כ'בין נאָך אויך אַ קנאָספּ,
שעפּ
פאַר מיר אויך אַביסל וואַסער.

אביסל שבת

ווייסע זייד — דעם טאַטנס באָרד
די פּאות — הבדלות צעפּלאָכטענע צוויי
ס׳רינען פון זיי טראָפּעלעך
הייליקע, מקוה־טראָפּעלעך
באַלד וועט ער גיין
דער מלכה אַנטקעגן,
זי קומט פון יענער זייט וואַלד
ווי פּראָסטע דאָרפישע וועגן
געבן זיך די הענט
און פאַלט
פאַררויטלט אין סאַזשעלקע אַריין:
גוט שבת פאַר די פיש!
און איך שטיי
און סערב׳ט אין מיין האַרצן
בעט איך ביים ועג ביים שוואַרצן
ביי דער סאַזשעלקע:
שענקט מיר מיין שבת!
בין איך דען טראַפּים
וואָס טראָגט אין אַ וואָכעדיקער סעמערגע
טאַרף
אין דאָרף אַריין,
צי נאַסטיע
וואָס שעפּט וואַסער
מיט צלמים אין די עמערס?
איך בין דאָך מרדכי בן מאַטיל.

וויין ניט, מאמע

וויין ניט, מאַמע,
ס׳ליגט נאָך אָפּן בבא קמא.
וויין ניט, מאַמע —
דעם אַלטן בוים
ווערט אַ גריל פאַרוויגן,
און אַליין
ווערט ער אויכעט שלאָפן גיין.
און אָפן
ט׳בלייבן בבא קמא.
וויין ניט, מאַמע —
אין אַן אָוונט
אַ שוואַרצן,
ווען ווייסע טויבן
ווערן ראָבן,
און אין גרוי פון אַ פליגל
כ׳דערקען דעם אַש
פון יאַנקעלעס פאַרברענטן וויגל,
בלעטערט ווינט די בבא קמא.
כ׳קען ניט! זאָל ער לערנען אַצינד? —
נאָר הייבסטו אָן וויינען,
מאַמע —
איז אָפן צוריק די בבא קמא.
וויין ניט, מאַמע.

רעד מיר איין

בעריש ווייַנשטייַנען

I

רעד מיר איין —
מיר ווילט זיך גלויבן:
אַז איבער דעם פּעטער יאָסלס דאַך
שטייט נאָך דער שלאַק
מיט אהרלעס טויבן.
פאַרנאַכט וועלן זיי קומען צופליען,
דער „ער" וועט זיך אַרום דער „זי" דרייען.
וועל איך אהרלען מזל טוב געבן
און ער:
„מיט מזל זאָלסטו לעבן."

II

רעד מיר איין:
אַז די מאַמע איז ערשט אין מאַרק.
באַלד וועט זי מיט רויטע רעטעכלעך קומען.
פאַרגנבענען מיר אַ קוש און קאַרק
און אַוועקגיין אַ צופרידענע.
און איך וועל זיך אין חדר שעמען:
„געקושט זיך מיט אַ אידענע."
רעד מיר איין —
מיר ווילט זיך גלויבן.

III

רעד מיר איין:
אַז אויף דער גאַס דער קראַסנער

לויפן נאָך יידישע קינדער אַרום,
אַ בחור זאָגט צו אַ מיידל: קום,
און זי:
„די פּאַגאָדע איז אוזשאַסנע“. *)
רעד מיר איין —
מיר ווילט זיך גלויבן.
רעד מיר איין:
אַז אין מגידס קלויז
שטייט נאָך דער אַלטער שטענדער:
דער געלער סענדער
איז נאָך גבאי פון חברה קדישא
און כאַצקל דער טויבער
וויל נאָך אַלץ „ששי“.
רעד מיר איין —
מיר ווילט זיך גלויבן.
און לאָמיר ג־ט בעטן —
אפשר וועט ער פון ביסל זכרון
צוריק מאַכן יאָרן.

---

*) דער וועטער איז שלעכט.

אויפן פאַרשנייטן שליאַך

אויפן פאַרשנייטן שליאַך
פון מיינע יונגע טעג
שטייט צעבראָכן מיין וויגל
און, איינגעבויגן, מאַמעס שאָטן
וויגט עס מיט אַ ניגון;
און אַמאָל אין שווייגעוודיקייט
פון דער נאַכט,
עכאָט פון ווייטן מיין געבעט:
מאַמע, אַז ס׳וועט טאָגן —
ניט קיין ראָזשינקעס,
ניט קיין מאַנדלען —
נאָר זון אַביסל ברענג.
מאַמע, ווי לאַנג נאָך —
מאַמע, ווי לאַנג נאָך
וועל איך פון דיר
זויגן
די נאַכט?

אוןווידער שווייגט די נאַכט.

אין אזוינע נעכט

אין אַזוינע נעכט
חלומט זיך מיר די היים.
אויף הימל בלויען טיש
ברענען שטערן —
ווייסע שבת ליכט
און לבנהס בלאָס געזיכט
זאָגט :
מסתמא
די מאַמע
שטייט און בענטשט,
נאָר ניט קיין חלות אויפן טיש,
ניט קיין פיש.
אין אַזוינע נעכט
חלומט זיך די היים.

פון דער פראָסטיקייט

פון דער פראָסטיקייט — ג־ט —
בין איך צו דיר געקומען.
מיט געזאַנגען
איז מיין דערפּעלע געגאַנגען
צום טייך.
קרייצן זיין געפרוירן האַרץ.
ס׳האָט אַ קלויסטער זיך צעקלונגען,
ס׳האָט אַ גלח זיך צעזונגען:
אַ מתנה —
דעם טייכס נשמה,
פאַר יעזוסן געבראַכט.
און איך זיץ מיר פאַרטראַכט:
וואָס זאָל איך דיר ברענגען?
דאָס פעלד —
האָט דער גוי פאַרנומען,
דעם וואַלד —
דער פּריץ
און דאָס פרומע טייכל
וואָס איז מיר נאָך פאַרבליבן,
ט׳מען אויך געשמדט.
טאָג שוין כמעט
האָב איך געבעטן:
ס׳איז מיר, — ג־ט, —
אַ טייכעלע פאַרבליבן
מיין האַרץ,
אַ טייכעלע מיט אייז
פון ניט באַזונטע טעג
גיב איך דיר דאָס אַוועק —
און ס׳איז מיין טייכעלע
צו דיר געשוואומען
פון דער פראָסטיקייט, — ג־ט, —
בין איך צו דיר געקומען.

און דער גולם האָט געלאַכט

שניי שטערנדלעך
ווייסע ציטערדיקע טויבן
קאַלט און לאַכעדיק
פון הימל אַראָפּ,
און אַזוי ווייס דער ווייכער וועג
כאָטש פאַל אַוועק
און שלאָף.
און אין שטוב
אַנטקעגן ברענענדיקן אויוון,
דערציילט די מאַמע
וועגן גולם און מהר״ל.
איצט זיינען די טויבן
זיך צעפלויגן,
דער מאַמעס שיינע אויגן
אויף אייביק זיך פאַרמאַכט.
געבליבן איז מיר בלויז
די נאַכט.

און די שטערן ווי אותיות ווייסע,
דערציילן ווידער די אַלטע מעשה,
פרעג איך:
וואו איז ערשט מהר״ל פון פּראָג?
זאָל ער מיך
פאַר אַ גולם מאַכן.
און פאַרטאָג
וועל איך גיין
דאָרט וואו עס רוישט נאָך אַלץ דער וואַלד

און דאָס טייכל טוט זיך וויגן
וואו מיינע שוועסטער זיינען געליגן
הפקר פאַר דער נאַכט.
און איך וועל שניידן
די אַלטע סאָסנעס —
די זיידעס
און די גראָזן —
די גרינע עדות
וואָס האָבן אַלץ געזען
און געשוויגן.

און אין טייכל וועל איך שפּייען:
דיין געוויש האָב איך
אין לידער איבערגעגאָסן,
אַלעמען דערציילט ווי ס'באָדן זיך
אין דיר די שטערן —
פאַרוואָס האָסטו געשוויגן?

און איך וועל בראָטן
און איך וועל ברענען,
די ערד וועל איך צערנען
און לאַכן.
ס'וועלן אייזן ווערן
מיינע ליימיקע הענט
און פון צעכראַסטעטע ברוסטן
וועל איך מיין האַרץ
דער וועלט ווייזן:
אַ רויט שטיק ליים
ניט וויינען קען דאָס,
ניט קלאָגן

נאָר שלאָגן
און לאַכן.

און ערגעץ אין ווייטן שפּעטער,
ווען דאָס אין דיסעלדאָרף
מאַמעס צו קינדער דערציילן
און אין פּרייסנס וועלדער די חזירים
וועגן יענער שוואַרצער נאַכט
ווען ס׳האָט געלאַכט
דער גולם!

אויפן פעלד ליגט מירער גאון

אויפן פעלד ליגט מירער גאון.
דריי קראָען
אויפן קאָפּ,
אויף די הענט קראָען צוויי,
פון באָרד און פאות חוזקט אַ שניי.
זעט דער טייוול דעם בזיון,
לאַכט ער,
ער האָט הנאה.
פאַרטאָג ווערט פון גאון ביינער
נאָר מספּיד זיין ניטאָ איז קיינער.
איז שאָקלט זיך אַ ווערבע:
ג־ט איז צדק,
דער משפּט איז אַ גערעכטער.
פּלאַצט דער טייוול
פון געלעכטער.
דער יונגער וואַלד
גייט אויס אין פלאַמען,
ער ברענט ניט,
ס׳ברענען אין אים די פאַרוואָסן.
און אַז איך וועל דאָרטן קומען
וועלן בליען שוין די בלומען,
אויפן בוים ט׳זיך אַן עפּל שאָקלען
און אין מיר, ג־ט, וועלן וויינען די סך־הכלען.

פיר קשיות

.1

גיסט ניט אַן אליהוס כוס —
ערשט וועט ער ניט קומען.
ניט — פאַר יזרעאל געבענטשטן טאָל
ניט פאַר שרונס שענהייטן די בלומען —
איז ער רעגן בעטן
געגאַנגען.
ביי ג־ט אין הימל
איז אויך אַ סדר פאַראַנען.

.2

איז ביי ג־ט אין הימל
אַ סדר פאַראַנען
זיצן דאָרט מיינע טרעבלינקער מיליאָנען
דעם טישטוך געהאַפטן האָבן
קדושים מיינע
טליתים מאַכער פון קאָלאָמיי
די מצות פון ווייסן שניי
דער מרור פון ווילנעס
אָך און וויי.
גיסט אַ מלאך דעם ווייַן
וויינט ער
מ׳זאָל ניט הערן.
נאָר סיי ווי גוטער מלאך:
אַלע ווייסן,
ס׳איז ניט קיין ווייַן
ס׳איז וואַרשעס טרערן,

ווייל אַ מלאך די קשיות פרעגן —
זאָגט מיכאל שאַ
זאָלן פרעגן ערשט
די קינדער פון גרויסן „שמע“.
פרעגט אַ משהלע פון יונעוו:
וואו איז דער טאַטע?
די ערשטע קשיא.
די צווייטע: די מאַמע? די מאַמע?
די דריטע — אויף אַ ברודערל מסתמא,
און די פערטע:
ביז וואַנען, ג־ט, ביז וואַנען?
איז ביי ג־ט אין הימל
אַ סדר פאַראַנען.

א שניי

פאַלט אַ שניי
אַט אַזוי
אַט אַזוי
ס׳איז צוויי מאָל אוי
און דריי מאָל וויי
און הימל שפּילט זיך
מיט דער ערד אין שניי.
דו ביסט רייך
פון מזרח ביז דרום
אומעטום
דיינע קברים
ערשט פאַלט אויף זיי
דער שניי.
און דיר איז אוי
און דיר איז וויי.
אַ זקנה די ערד
טויזנט קינדער שוין באַגראָבן
און וויל נאָך האָבן,
און וויל נאָך האָבן,
איז שפּילט זי זיך
מיט הימל אין שניי
און דיר איז אוי
און דיר איז וויי.

נישט ווייט פון ברעג

.1

נישט ווייט פון ברעג
שטיי איך אַ פּאַרימטער
בין מקנא זונס שטילן פאַרגיין
און שעם זיך פאַר דעם ים
ווי אַ אָבל איינגעהילט אין שוואַרצן
מורמלט ער פון גאַנצן האַרצן
ג־ט האָט געגעבן,
ג־ט האָט גענומען
און כ׳וואַרט, באַלד וועט מען פרעגן:
ווען וועלן מיינע ברידער דעם גרויסן ג־ט פאַרגעבן?

.2

ס׳ליגן בלעטער — גרינע שמות
לעם זיי ביימער — יונגע מאַמעס
ניט זיי רעדן
ניט זיי שווייגן
נאָר אין שאָקל דעם פרומען
פון די צווייגן
הער איך
ג־ט האָט געגעבן
ג־ט האָט גענומען
און כ׳וואַרט
באַלד וועט מען פרעגן:
ווען וועלן מיינע ברידער דעם גרויסן ג־ט פאַרגעבן?

גיי...

גיי שלאָפן.
גיי שלאָפן,
קיינער טוט אויף דיר שוין ניט האָפן.
גיי שלאָפן —
דעם טאַטנס הויז
מיט גראָז באַוואָקסן,
פּיטערט זיך דאָרט אַ בהמה,
און אויפן אַש פון טריסקער קלויז
לויפט אַרום אַ מויז,
און האַלט אין מויל אַ שיימע.
אַ גאַנצע נאַכט
וואַכט דאָרט די לבנה,
און פאַרטאָג,
ווען שטערן זייגען שוין פאַרלאָשן,
וויל זי עפּעס פרעגן —
האָט זי ניט קיין לשון.
גיי שלאָפן,
דיין טויט דעם קליינעם
וועט קיינער ניט באַוויינען,
אפשר ט׳אַ וואָלקן אַ קאַרגער
אַראָפּוואַרפן צוויי טרערן,
צוויי פאַרשעמטע נדבות,
ניט אין דיין זכות,
נאָר אין זכות פון אָבות —
די טרעבלינקער.
ווייל ווער וועט דאָס דיר פאַרגעסן ?
ווען מ׳האָט צו דער עקידה געפירט

משהלע דעם לובלינער —
האָט מען אויף „דזשאפער"*) אייז קרים געפרעסן
פרעגנדיק: וויפל האַלט דער „גרינער" ?**)
דיין טויט דעם קליינעם
וועט קיינער שוין ניט באַוויינען —
גיי שלאָפן.

*) הויפּט-גאַס פון שאַנכײַ.
**) אַמעריקאַנער דאָלאַר.

זיצן מיר

זיצן מיר אויף אַ באַנק —
איך און די מאַמע.
אין ברעגס רוקן
הענגט ים
אַ שווערד אַן אויסגעשאַרפטע
און אין זיין האַרץ אין סאַמע
שרפט ער.
זאָג איך:
„מאַמע, וואָס איז בעסער,
אַן אויוון, צי אַ מעסער?"
זאָגט די מאַמע: „נאַריש קינד,
ס'איז אַ פאַרנאַכט אַזאַ,
זע, ווי צו בלעטער
ס'רעדט זיסע רייד דער ווינט.
ס'איז אַ פאַרנאַכט אַזאַ."
און איך, מאַמע:
אַלע בלעטער זאָגן שמע.
ס'נאַכטיקט שוין דער ים
מיט טויזנט שטערן
און דער מאַמעס שיינע אויגן
נאַכטיקן מיט טרערן.

א ווינט

א ווינט.
ביימער מאַכן מיט די הענט,
רייסן זיך ווי קינדער;
ווילן גיין,
בלייבן שטיין —
די פיס געפּענטעט צו דער ערד.
וואָלט איך איצט
אַ בוים געווען —
וואָלט איך ניט געגאַנגען,
כ׳וואָלט כאָטש
איינמאָל ערד אונטער די פיס געפילט,
און פאַרנאַכט וואָלט זון
אַביסל רויט
איבער מיר צעשפּילט.
ג־ט — איך בין שוין אַזויפיל געגאַנגען
הייס איצט די ביימער גיין.

אויף שטיינער

אויף שטיינער
צעביינערט
אַיעדער אבר
ליגט משהלע מיין חבר.
בעט אַ קבר.
פּאַלט
אַ שטראַל
אויף זיין קאָפּ,
אַ קוש — און אַוועק.
און אין אייביקייט פון משהלעס שלאָף
קומט טרעבלינקע צו חלום
און מיידאַנעק.
איז מזל טוב דיר, משהלע,
גאַנץ מיידאַנעק גיט דיר שלום.
און אַז ג־ט האָט די ערד געבענטשט
מיט אַ קבר אַ נייעם בין איך געשטאַנען און געווען מקנא
ניט באַהספדט און אָן בלומען —
אַ ווינקעלע אַזאַ וואו דער טויט
איז ווי אַ משיח געקומען.

ביי מיין בעט

ביי מיין בעט
שטייט שלאָף
און רעדט,
ווי ס׳רעדט אַ ווינטעלע צו אַ פאַרחלשטער בלום,
און ביים פענצטער
שמייכלט אויס אַ שטערן: קום!
וועסט זען ווי ג־ט
מאַכט טאָג אויף דער וועלט —
און כ׳גיי.
כ׳לויף אין העמד.
זיך שעמען?
פאַר וועמען שעמט זיך שטערן,
וואָס באָדט זיך נאַקעט
אין טייך?
כ׳טוליע זיך צום נאַכטיקן וועג,
און טאָג
צאַפּלט האָרץ אויס אינדערשטיל.
ס׳איז טאָג.
און אין וואַרשע?
כ׳פרעג:
איז שטערן שוין ניטאָ.

ס׳איז ניט קיין טרערן

ניט קיין טרערן.
ס׳איז טוי.
און איך האָב געמיינט
דאָס וויינען בלעטער אַזוי.
פאַרטאָג.
אויף וואָס וויינען
אַז ווינט טוליעט צו דער מאַמען
און אַ שוועסטערל אַ בלאַט
אַ ברודערל אַ גרינער
אַלע צוזאַמען
רינט אַזוי
גלאַט אַזוי
און בוים לאַכט
טרערן, ג־ט, האָסטו בלויז
פאַר מענטשן געמאַכט.

א גאַנצן טאָג

א גאַנצן טאָג
האָט דער ים זיך געשפּילט
מיט מיין בילד
פאַרמשכונט פאַר אַביסל פרייד
וואָס ווייעט
פון די כוואַליעס
ערשט ליג איך
אַ שאָטן ביים ברעג
און ס׳איז בעטעוודיק מיין פרעג:
האָט מיך נאַכט איינגעשלונגען?
צי די פיש?
ניט קיין פערל, ים,
ניט קיין בריליאַנטן,
קער מיר זיך אַליין צוריק!

גוט אזוי

גוט אַזוי
וואָס ס'איז אי וואָלקענדיק אי נאַכט.
ס'ליגט אַן אויסגעצוואָגענער דער וועג
און דרימלט
און זיין ערדישער מחשבה
חלומט זיך,
אויסגעשטערנט דער הימל.
גוט אַזוי —
אין אַזוינע נעכט
בעטן אַלע אויף שטערן.

אַרום זיך

אראָפּגעפאלן א שטערן

מיט בריליאַנטן שטערן
שמייכלט הימל אַראָפּ
און אונטן ליגט די פּשוטע ערד
און שלאָפט
און אַמאָל צו חצות —
ווען די בלום, אַן ערדיש קינד,
עפנט איר האַרץ
אין ודוי
פאַר דער נאַכט
נעמט הימל,
אָנגעפּילט מיט באַגערן
און וואַרפט מתנות אַראָפּ
דער שוואַרצער שיינהייט
וואָס ליגט און שלאָפט.
זאָגן מענטשן: אַראָפּגעפאַלן אַ שטערן!

דאָס ווייסן אלע מאַמעס

דאָס ווייסן אַלע מאַמעס:
פון קליינע קינדערשע נשמות
מאַכט ג־ט שטערן,
און ס׳טרעפט אַמאָל
ווען אין אויסגעהוילטן האַרצן
וויינען
אַלע ניינען
פון דער וועלט,
און די נאַכט — אַ מכשפטע אַ שוואַרצע
שטייט און שעלט.
זוך איך אויפן הימל
אַ שוועסטערל,
אַ ברודערל,
וואָס כ׳האָב ניט געקענט
און בעט זיי קינדעריש
מיט די הענט:
אפשר וועלן זיי הערן.
העי! בעט דעם גרויסן ג־ט
זאָל ער מיך אויך שוין מאַכן
פאַר אַ שטערן.

רו

ס׳איז אַ ליגן,
ס׳איז אַ ליגן
כ׳בין ניט געגאַנגען אויפֿן באַרג
צו הערן
ווי ס׳רעדן שטערן
מיט ג־ט אויף דו.
ס׳האָט בלויז דאָס פּראָסטע האַרץ
געוואָלט אַביסל רו.

אביסל שלאָף

שטערן־אויגן אָפענע
און הימל,
דרימלט.
אַ שלאָף אַזאַ אין דער וואָך.
ים, וויגט זיך גאַנצע טעג,
און קען ניט שלאָפן גיין,
גלעט ער יעדער שטיין
ביים ברעג,
בעטנדיק:
שענק אַביסל שלאָף!
און ס'טרעפט:
ס'פאָרט אַ שיף
און אויפן דעק
דרימלען מעוועס,
איז ים מקנא...
און מיד פון אייביק
וואָכעדיקע טעג
רייסט זיך ים פון ברעג
זוכן אַביסל שלאָף.
זאָגט מען: ס'שטורעמט דער ים...

זון אין נעצן

שטראַלן — אויגן מאַמישע
פֿאַלן,
אויף אויסגעבעטע פלאַכן
ימישע
און לאַכן —
עס הילכן געזאַנגען.
נעצן — אויסגעשפרייט צום פאַנגען
וואַרטן אויף פיש.
לויפן שטראַלן
פון די פלאַכן
מאַכן
פול די נעצן.
קריצן פישער־ציין, פאַר כעס:
„שטראַלן פאַר פיש!
דעם אַלטן ים ווילט זיך נאָך אַ שפּאַס.“
און איך — וואָלט ימים פיש געגעבן
פאַר איין שטראַל אין לעבן...

ניט קיין שטורם

ניט קיין שטורם
איז דאָס געווען,
כ׳האָב געזען
ווי ס׳רייסט זיך ים
פון אַלע זיינע טיפן —
צו ג־ט.
פון ווייטנס האָט ברעג
זיך אויסגעפּוצט מיט טויזנט ליכט.
און ס׳האָבן זיך שוין אָנגעהויבן
די דרשות.
נאָר איך, וואָס קען שוין אַלע יבשות
האָב געוויינט
און אַזאַ געדראַנג פון אַלע מיינע טיפן:
אַ קוש טאָן ים׳ס צעדאַוונטע ליפּן.
וויינט אַ פרוי אויפן שיף
„ווי צו זיינע יאָרן!
משוגע געוואָרן
דער פּאָעט.״

יאַפּאַנישע מאָטיוון

מיט זילבערשריפט

מיט זילבערשריפט פון שטערן
איז אויפגעשריבן
ג־טס נאַכטיקער בריוו
צו דער וועלט.
און ים אויסגעצויגן
מיט אָפענע אויגן
ליגט און לייענט.
נאָר ס׳טרעפט אַמאָל:
און פון אַלע עקן
לויפן וואָלקנס —
שוואַרצע הענט
און מעקן
און מעקן.
שריי איך: אַוועק׳ט, אַוועק׳ט,
זאָל ים נאָך אַביסל לייענען!
נאָר רעד מיט וואָלקנס —
גלייך וועלן זיי וויינען...

ביים וואַסערל

ביים וואַסערל וואָס שווענקט
בודאָס שטיינערנע פּיס —
שטייט אַ בוים און בענקט.
און ס׳טרעפט:
ער דערפילט וואַסערלס פּיס
און איינגעבויגן —
זעט ער זיין בילד
אין וואַסערלס האַרץ.
מורמלט ער: כ׳ליב!
לויפט וואַסערל,
פאַלט בודאָן צו די פּיס
מיט אַ געבעט,
וואָס הערט זיך קוים:
פאַרגיב אַ זינדיקן בוים!
— — — — — — —
אין יאַפּאַן איז ליבן אַ חטא.

יאפּאנישע נאכט

שענקט מיר ווינטיקע טריט
פון יאַפּאַנער
אויסגעזויגענעם הימן
פון האָלצערנע שיך
יעדער שאָרך — אַ סטראָף אַזאַ
פון אַ וויג ליד,
פאַר מאַמעלע ערד —
געטוליעט אין שלאָף.
בערג פאַרצויגן אין זילבערנעם נעפּל
שימער זיידענער, פאַרביקער שלאָף.
לבנה — רייף געוואָרענער עפּל
כאָטש וואַרט,
אָט פאַלט אַראָפּ
אויף שפּיץ־פינגער —
קלעטערט אָוונט
מיט טריט געבענטשטע
פון באַרג אַראָפּ,
און אַזוי צאַרט
ווי אַ זקן אין קימאָנאָ,
טוט ער בענטשן פאַרמאַטערטע
זין פון ניפּאָן.

פודזשי יאמא *)

.1

פודזשי יאַמאַ —
ווער זאָגט: שטיינערנע האַרץ?
כ׳האָב געזען אַ שטיינעריש געוויין.
טרערן ניט געבעטן האָבן ברויט.
האַרץ צעעפנט, אָן סוד —
גלאַט אַזוי געוויינט פאַר ג־ט.

.2

ווער זאָגט: עלנד ווי אַ שטיין?
כ׳האָב געזען ווי אַ שטיין
שמייכלט צו אַ ברודער,
און אויף דער גרויער פודזשי יאַמאַ
רופן שטיינער: מאַמאַ! מאַמאַ!
עלנד איז נאָר מענטש.

---

*) אַ באַרג אין יאַפּאַן.

געלע נעכט

געלע נעכט
פראָסטע חי וקימס —
ווי זאָל זיך דאָ ירדן חלומען,
ירושלים ?
ביימער־שיכורים בלינדע,
שטרעקן שטעכיקע פינגער,
זוכן ווייכקייט ביי די נעכט.
שמייכלען די נעכט,
ווערן נאָך ייִנגער.
טראַכט איך :
כ׳וועל דאָ בלייבן.
ס׳האָבן דורות שיינע צעפּ געפלאָכטן.
דאָ האָט מען נאָך ניט געשאָכטן !
דאָ וועל איך בלייבן.
נאָר אַמאָל, ביים יאַנגטסע,
קומט כנרת צו חלום,
און ס׳וויינט די אַלטע וואַנט פון טרערן :
אַ שאַנכייער ווילסטו ווערן ?
און אויפן באַרג אַנטקעגן
וויינט מאַמע ירושלים.
און כ׳שפּיי די נעכט אין פּנים
די פּראָסטע „חי וקימס״.

ניט מאמע־מילך

ניט מאַמע־מילך אויף ליפּעלעך בלויע
קאַלט און לאַכעדיק —
ווי דער שניי
— גייען אויס די אויגן,
און מיט זיי
אַ חלום אַ קינדערשער: זויגן!
ניט מאַמע —
זון צינדט ליכטעלעך צוקאַפּנס
פאַר דער נשמה
ניט טאַטע, אַ בוים טוט זיך שאָקלען
דערנעבן:
ג־ט האָט געגעבן
ג־ט האָט גענומען.

כ׳האָב גענזען

נעכטן, מאַמע,
בין איך ביים ים געווען.
כ׳האָב געזען
ווי ס׳הייבט דעם קאָפּ אַ זעגל,
רעדט דעם ווינט אַנטקעגן
און גייט און גייט
א, וואָלט איך איצט
אַ זעגל געווען
אויפן שפּיץ פון אַ שיף —
וואָלט איך געשלאָפן.
דאָס האַרץ אָפן —
זאָלן דאָרט ווי ווייסע טויבן
אַנלויפן די שטערן.
און כ׳וואָלט הערן
ווי ס׳רעדט אַ כוואַליע — אַ דערשראָקן קינד
צו אַ חברטע אַ צווייטער:
אָט גייט ער, אָט גייט ער
דער וואָס רעדט דעם ווינט אַנטקעגן.
נאָר ניט קיין זעגל
בין איך, מאַמע!
און איינגעבויגן
מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן
שטיי איך פאַר דעם געטאָס שומר
און אין זיי אַ בעטלערישער פרעג:
דאָ ניט ווייט,
אויף יענער זייט,
נאָך אַ ביסל וואַסער? כ׳מעג?

ווּעסט מיך פֿאַרלעשן

כ׳ווייס, ווּעסט מיך פֿאַרלעשן
אַזוי פֿראַסט
ווי אַ ליכט,
אַ בלאָז —
און נישטאָ.
מאַך, ג־ט,
כ׳זאָל פֿאַרגיין פֿאַרנאַכט,
ווען זון נידערט מיט ברענענדיקע ליפּן
צום וואַלד
און קושנדיק גייט זי אויס.
ניט קיין געוויין,
ניט קיין יאָמער
זאָל זיך הערן.
אַ טאָכטער בלויז
מיט גוטע אויגן
וועט קושן מיינע הענט;
און אויפֿן שטערן —
אַ פֿאַרמעט אַ געלער.
וועט זי איבערלייענען: טויט!
און זאָגן:
די זון געגאַנגען שלאָפֿן,
און דער טאַטעשי — אויך.

שבת און וואָך

אלצאיינסיג

דעם בוים דעם גרינעם
ביים וועג דעם שוואַרצן
איז אַלצאיינסיק אויפן האַרצן
און אויסגעצוואָגן פון רעגן
ווי אַ קינד נאָכן וויינען
וויל ער גאָרניט זאָגן
און קען גאָרניט פרעגן.

א פגר

כ׳זעץ זיך אַוועק
און קוק אויפן זייגער.
אַ נפטר אָן שבחים מיין יעדע מינוט,
אַ גויאישער פגר.
יאַנקעלע בטלן
איז שוין שלאָפן געגאַנגען;
שמואלקע עלוי לערנט.
און דו — וואָס ?..
וויגסט איין דאָס שלעפערדיקע גראָז
און ציילסט די שטערן;
אַ גאַנצע נאַכט
קריגט זיך אביי מיט רבאָן,
נאָר פאַרטאָג,
ווען יאַנקעלע בטלן קומען ברזינע שיך צו חלום,
מאַכט שמואלקע
צווישן זיי שלום.
און דו — וואָס ?
וויגסט איין דאָס שלעפערדיקע גראָז.

ביים בלינדן פענצטער

ס׳איז פינצטער
מיין פענצטער,
דאָס איינציקע אויג פון צימער, איז בלינד.
ס׳רינט פון דעם און רינט.
נאָר ווער וויל דען פאַרשטיין
דאָס געוויין
פון אַ בלינדן פענצטער ?
ס׳איז ש...־ש... — בלויז אַ געוואָי
פון גאַסן־הינט
אַנטקעגן אַן עלנטן לאָמפּ,
און ס׳רעדט
אַזוי פּשוט
דאָס געבעט
פון הינטישע נשמות :
וואו נאָר אַביסל ליכט, ג־ט,
פאַרלעש !
אויב פינצטער,
זאָל אומעטום זיין !

פראנץ׳ס*) טויט

א לעבן האָט ער אום שבת געשריבן
נאָר דאָסמאָל זאָלסטו אים פאַרגעבן.
זע! אויף אַ געשענקטער בעט
שרייבט ער זיין גט
דעם לעבן.
און די עדות —
ניט קיין ווייסבערדיקע זיידעס,
איך, און אַ שטערן.
ניט קיין מאַמע וואָס זאָל
אַ שאַלעכל אַ שוואַרצס טראָגן,
ניט קיין טאַטע וואָס וועט קדיש זאָגן
פאַר דער נשמה.
ס׳איז שוין שפעט.
אידן זאָגן שוין אַ גוטע וואָך.
און איך שטיי
ביים בעט
און, ביים שיין פון לבנה,
אויף אַ פאַרמאַטענעם פנים
כ׳לייען דעם גט.

---

*) פראַנץ בלאָך, אַ דייטשער פליט אומגעקומען אין שאַנכאַיער געטאָ.

ביז האלבע נאכט

ביז האַלבע נאַכט
בין איך געזעסן.
ס'וואַקסן קוימענס פון די ווענט
און פון די קוימענס וואַקסט אַ רויך.

ביז האַלבע נאַכט בין איך געזעסן —
ניט קיין קוימען
ניט קיין בוים
געוואַקסן, פון וואַנעט
שוין אויך פאַרגעסן.
ווען כאָטש אַ רויך
וואָלט איך צו אַ וואָלקן געקומען
אַרומגענומען
ווי אַ ברודער אַ קליינעם —
לאָמיר ביידע וויינען.

מיין וועג

מיינע טעג —
דער וועג
פון וויגל
צום קבר.
פון אייַנסן
איז מיין וועג.
אין באַגינענס
שמייכלען פאַר מיר די סופן,
און אין שוואַרצן שויס פון נאַכט
זע איך שלאָפן —
יונגע עופהלעך־טעג
פון אייַנסן און פון סופן.

כ׳ווייס

כ׳ווייס, ווי שלאָף, טויט,
ווּעסטו צו מיר קומען.
ניט מיין קישן
ניט מיין בעט —
„גיב מיר דיך אַליין״
ווּעסטו בעטן.
אַלץ, אַלץ
וועל איך דיר געבן
פּאַר אַביסל שלאָף,
און פיר מיך
צו דער אַלטער מאַמען
דער ערד.

כ׳וועל אַרויפפּאַלן אויף איר
און מיט פאַרמאַכטע אויגן
זויגן.

מײַן פֿרײַנדס אױגן

מײַן פֿרײַנדס אױגן — ברענענדיקע אותן
שװאַרץ אױף װײַס געשריבן.
האָב איך זײ גאַנצע נעכט געלײענט.
נאָר אײנמאָל זע איך: ס׳פֿאַלן,
װי װאָלקנס שװאַרצע, די האָר אַראָפּ
פֿון די ברעמען, װי קלײנע פּאַראַסאָלן,
פֿאַלט אַ טראָפּ נאָך אַ טראָפּ.
און איך שטײ און לײען
פֿון די ברענענדיקע אותן: נײַן!
נאָר ניט געװײנט
האָב איך.
קניענדיק בלױז,
געבעטן:
פֿאַרגיב!
אַזױ לאַנג שױן װי כ׳לײען
אַ פֿרעמדן בריװ.

כ׳האָב געבעטן

כ׳האָב געבעטן

כ׳וויל זיין אַ שטיין
אויף אַ וועג אַ שטילן
וואָס קוקט דער זון אין די אויגן,
ווי לאַנג נאָך וועל איך
שוואַרצע ברילן
טראָגן.
איז טרעפט אַמאָל,
ווען אַלע לידער שווייגן,
הער איך
ווי אַ שאָרך פון יונגע צווייגן —
ווער אַ שטיין!
איז ווער איך.
און כ׳בעט ביי דער זון פאַרגעבן
וואָס כ׳האָב אַ לעבן
פאַר איר פאַרשטעלט די אויגן
נאָר ביי מיין בעט
וויינען די נאָראָנים:
„מרדכי געבעך
ווײ צו זיינע יאָרן!”
נאָר כ׳לאַך פון זיי —
כ׳בין דאָך אַ שטיין געוואָרן.

שניי

ווער זאָגט שניי?
ס׳האָט ג־ט ווייסע פעדערן צעשאָטן.
און אַזוי ווייך דער נאַכטיקער וועג —
כאָטש לייג זיך אַוועק
און דרימל.
וואָלטן איצט פון הימל
שטערן אַראָפּ
וואָלטן אַלע זען דעם וואונדער:
בלויע קינדער
אין ווייסן פּוך.

וויין ניט

וויין ניט, קינד,
אונטער נאַכטס טונקל קלייד
רינט,
ווידער טייך —
כוואַליעס לויפן,
ברענגען פולע הויפנס
לעבן, צום ברעג
פּאַטשן אויס פּאַר פרייד...
און אַוועק —
צוריק אין די שטיינערנע בעטן.
ס׳איז פינצטער?
וועלכער ווינט לעשט אויס שטערן?
ס׳האָט מיט טיכער בלויז
ג־ט דעם הימל פאַרצויגן,
האָבן שטערן
צוגעמאַכט די אויגן
און שלאָפן.
אַז זיי וועלן וואַכן
וועסטו זען!
קינדער ווייסע,
ליגן,
אין בלויע וויגן
און לאַכן.

א רויט פעלד

א רויט פעלד — קינד מיינס — דער הימל,
די וואָלקנס — אַ ווייסע סטאָדע שאָף.
און דו — דער פאַסטוכל
מסתמא
זיצסט און שפּילסט;
נאָר ניט וועגן שקיעה
שפּיל דער מאַמען,
ניין!
די גרויסע זון קען ניט פאַרגיין.
שפּיל וועגן נאַכט,
וואָס קומט מיט מיט רו
אין אירע שוואַרצע אויגן,
און אונטער איר טונקעלער פאָלע
טראָגט זי שלאָף
פאַר דעם ציגעלע פון חיים בעל עגלה,
פאַר די צווייגן
און פאַר די וואָלקענדלעך —
דיינע ווייסע שאָף.

ביים וויליאמסבורגער בריק

אפשר ווייסט איר עפּעס וועגן וואַרשע ?
אפשר לויפן נאָך אינגעלעך
אויף נאַלעווקעס באַפּאַהטע
און קאַפּאָטעס שפּרייזן נאָך.
מיט האַנדל פאַרשמייעטע.
אפשר טראָגט זיך נאָך אַ לידל
פון אַ סטראַגאַן אַ פאַרשעמטן
פון „פּשעקופּקעס" מיט הערצער פאַרקלעמטע:
— „קויפט בייגעלעך, באַבעלעך און זויערע עפּל" !
אפשר לויפן נאָך מיינע „וואוילע יונגען" אונטערן טויער
באַהאַלטן זיך פאַר אַ „קנעפּל" ?
אפשר פאַרקויפט מען נאָך שטיוול
אין פּראַגע, שפּאָגל נייע,
און אפשר אין בראַצלאַווער שטיבל
זיינען אידן זיך אַלץ ניט מיאש ?
אפשר לויפט נאָך אַ באַן
מיט בחורים מיט בלאָסע,
פאַרסודעטע ?
און עס שעפּטשען דעם סוד דיביימער:
מאָרגן איז דעם רמא׳ס יאָרצייט.
אין קראָקע.
לג בעומר.
נאָר ניט לג בעומר איז מאָרגן,
ס׳איז תשעה באָב,
און לעם וויליאַמסבורגער בריק
איך פרעג דעם טייך אַ פראַגע.

אפשר דאָרטביים ראַנד
ס'ליגט אַ פּאַרטייעטע פראַגע ?
נאָר וואָס ווייסט דער טייך
פון אַזעלכע זאַכן ?
אַז ער איז וואַך
ווילט זיך אים לאַכן.
און כאַפּט ער אַ שלאָף,
קומט אים ביידזבאָל צו חלום.

ווי א רייטער

הנה ד׳ רוכב על עב קל

אמאָל זע איך דיר ווי אַ רייטער — ג־ט —
דו פאָרסט אַרום ווי אַ וואַנדערער אויף דער וועלט,
ברענגסט דאָ אַ ביסל זון,
דאָרט אַ ביסל קעלט.
עס לויפן דיינע ווינטן
ווי פאַרווירטע נע ונדן
און די שטערן די מיריאַדן
לויפן נאָך.
ברענגען דעם דאָרף אַ ביסל שבת,
דער שטאָט — אַ ביסל וואָך.
און די מענטשן די נאַרישע
בעטן נאָך אַ ביסל — נאָך.
איך בעט ניט.
מיר טוען די טעג וויי.
דאָס טראָפּן זון,
דאָס ביסל שניי.
און אַז ס׳קומט די נאַכט
שטיי איך, ג־ט, און דאַוון:
ברוך אתה!
וואָס דו האָסט געמאַכט
די נאַכט.

וויין ניט ברודער מיינער

וויין ניט, ברודער מיינער,
ערגעץ אין אַ שטיבעלע קליינעם
טוט נאָך אַ וויגל שטיין,
אַמאָל פלעגט אַ גאָלדן ציגעלע
קומען דאָס פאַרוויגן,
היינט קומט אַן אָדלער דאָרט
אַן אָדלער מיט אייזערנע פליגל,
נאָר וואו זאָלן מיר פירן
דאָס קינדעלע שפּאַצירן ?
זאָג, ברודער, זאָג !
אין דאָרף אַריין צו די גויים ?
ניין !
מיר וועלן גיין צום הייליקן באַרג
וואו ס׳ליגן געשאָכטענע אידעלעך באַהאַלטן,
מיר וועלן דעם אָדלער
דאָס קינדעלע געבן —
זאָל ער דאָס וויגן,
זאָל ער דאָס האַלטן.
און אין זיין קינדערשן חלום
וועט אַ געשאָכטן משהלי קומען —
די האַנט געבן : שלום !
מיר רופט „דודל״ די מאַמע.
נאָר דער טאַטע
„נקמה״ רופט ער מיר : נקמה !

א נייע סברא

I

פֿאַרמאַך דעם פענסטער,
גיי צו דיינע ד׳ אמות.
אינדרויסן האָט ווינט
דעם בוים נאַקעט געמאַכט,
באַלד וועט ער טאָן
וואָס ער וועט וועלן.
די נאַכט וועט אַלץ פֿאַרשטעלן
און אויב ס׳איז דאָ אַ שטערן,
וועט ער צוקוקן און קוועלן.

II

בייטאָג וועט זון
דעם בוים טאָן אַ צערטל:
— „ס׳איז גאָרניט ניט געשען,
קיינער האָט ניט געזען״.
און אַז יאָ — איז דאָ אַ ווערטל:
ער איז אַזאַ, און זי איז אַ זונה.

III

פֿאַרמאַך דעם פענצטער,
גיי צו דיינע ד׳ אמות.
דו האָסט ביי דער נאַכט גאָרניט גענומען
און דו וועסט ניט נעמען —

וועסט דיין טאָטן ניט פאַרשעמען
און וועסטו זוכה זיין
וועט נאָך עדות זאָגן
דער פּרק „כל המנחות” (1)
אַז דער נאַכט אויף צו להכעיס
איז אָפן געבליבן די גמרא
און דיין איינציקע בקשה געווען איז:
— „ג־ט אַ נייע סברא גיב,
אַ נייע סברא.”

(1) כל המנחות — דער פינפטער פּרק אין דער גמרא מנחות.

דעם רן״ס א סברא

זיץ איך מיר אונטער׳ן בוים
און האַלט מיר אַ גמרא.
זאָגט דער ווינט (מ׳הערט אים קוים):
— „ס׳איז אַ סברא,
גמרא,
אַז מרדכי האָט דיך ליב.״
זאָגט דער בוים (מ׳הערט אים קוים):
— „און מיך?״
און איך:
— „ביידן, ביידן, אָן אַ שיעור!״
נאָר אין שטוב. ווייסט די גמרא,
אַז כ׳וואָלט די גאַנצע וועלט אַוועקגעגעבן
פאַר דעם הייליקן רנ׳ס אַ סברא.

אין אויסגעקראָכענעם ווינקל

אין אויסגעקראָכענעם ווינקל פון מיין קאָפּ
שלאָפן אויסגעשטאָרבענע יאָרן,
נאָר אין דער ווייטער ראיה פון זכרון
דעמערט נאָך מיין אָנהויב.
איך בין בסך־הכל
דריי יאָר אַלט צי פיר
און ווייס שוין אַז אויף וואָסער מאָכט מען שהכל
און אַז אַ מזוזה —
מאַכט יידיש אַ פּראָסטע טיר.
און ווייס שוין אַז העט העט וויט אין הימל
וואוינט ג־ט, אַליין און פאַרבאָרגן,
אַזוי פאַרבאָרגן —
אַז אַפילו ר׳ אליה, דער גרעסטער צדיק אין שטאָט
האָט אים קיינמאָל ניט געזען.
נאָר שפּעטער אַז כ׳בין געשלאָפן
אויף די קאַלטע וועגן פון דער וועלט,
מיט גראָזן צוזאַמען געטרונקען רעגן
מיט האַרבסטיקע ביימער געציטערט פון קעלט
האָב איך אַ ברכה אָנגעהויבן מאַכן
אויף אַלע זאַכן.
המוציא — אויף אַ דאַר שטיקל ברויט,
יוצר־אור אויף דעם חן
פון אַ בלויען מאָרגן.
דין אמת אויף אַ געבענטשטן טויט.
אויף נאַכט׳ס רו — המעריב ערבים.
איצט וועל איך דערציילן
דער גאַנצער שטאָט
אַז איך אַליין
האָב אומעטום געזען:
ג־ט.

אינהאַלט

על נהרות פוילן

זייט

אין אוקראַינע — 9
על נהרות פוילן — 11
דער מאַמעס געבורטסטאָג — 13
אַז מיר זיינען צוזאַמען — 14
אַ הונט — 15
וואו איז אַ צדיק — 17
אין גאָרטן — 18
אַ ביסל שבת — 19
ווייך ניט מאַמע — 20
רעד מיר איין — 21
אויפן פאַרשנייטן שליאַך — 23
אין אַזוינע נעכט — 24
פון דער פראַסטיקייט — 25
און דער גולם האָט געלאַכט — 26
אויפן פעלד ליגט מירער גאון — 29
פיר קשיות — 30
אַ שניי — 32
ניט ווייט פון ברעג — 33
גיי . . . — 34
זיצן מיר — 36
אַ ווינט — 37
אויף שטיינער — 38
ביי מיין בעט — 39
ס׳איז ניט קיין טרערן — 40
אַ גאַנצן טאָג — 41
גוט אַזוי — 42

אַרום זיך

אַראָפּגעפאַלן אַ שטערן — 45
דאָס ווייסן אַלע מאַמעס — 46
רו — 47

זייט

א ביסל שלאָף — 48
זון אין נעצן — 49
ניט קיין שטורעם — 50

יאַפּאַנישע מאָטיוון

מיט זילבערשריפט — 53
ביים וואַסערל — 54
יאַפּאַנישע נאַכט — 55
פודזשעם יאַמאַ — 56
געלע נעכט — 57
ניט מאַמע מילך — 58
כ'האָב געזען — 59
ווערסט מיך פאַרלעשן — 60

שבת און וואָך

אַלצאיינס — 63
אַ פגר — 64
ביים בלינדן פענצטער — 65
פראַנצע'ס טויט — 66
ביז האַלבע נאַכט — 67
מיין וועג — 68
כ'ווייס — 69
מיין פריינדס אויגן — 70
כ'האָב געבעטן — 71
שניי — 72
וויין ניט — 73
אַ רויט פעלד — 74
ביים וויליאַמסבורגער בריק — 75
ווי אַ רייטער — 77
וויין ניט ברודער מיינער — 78
אַ נייע סברא — 79
דעם רן'ס סברא — 81
אין אויסגעקראַכענעם ווינקל — 82